**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 230 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע עסן הילף פאר ניו יארקער אין דעצעמבער**

***צוגאבן ברענגען איבער 2.4 ביליאן דאלער אין צוגעגעבענע עסנווארג בענעפיטן אין 2021***

***אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP וועלן באקומען די מאקסימום סומע פון עסן בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אלע ניו יארקער איינגעשריבן אין דעם ׳סופלעמענטאל נוטרישען הילף פראגראם׳ (SNAP) וועלן באקומען דעם מאקסימום ערלויבטע שטאפל פון עסנווארג בענעפיטן פאר דעצעמבער. אלע הויזגעזינדער וועלכע באקומען SNAP – אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין יעצט די העכסטע סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סומע שפעטער דעם חודש, אריינגיסנדיג אומגעפער 230 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער אין דער סטעיט'ס עקאנאמיע דעם חודש און איבער 2.4 ביליאן דאלער זינט יאנואר.

״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו באקעמפען דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, ראנגלען זיך נאך צופיל ניו יארקער מיט לייגן עסן אויפ׳ן טיש,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״איצט מער ווי אלעמאל מוזן מיר נעמען שריטן אויסצוראטן עסנווארג נויט. די צוגעגעבענע געלטער פאר SNAP וועלן באזארגן פארלייכטערונג פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער דורכאויס די קאלטע ווינטער חדשים ווען הויזגעזינד בודזשעטן זענען שוין פון פריער אנגעשטרענגט.״

די עמערדזשענסי צוגעלייגטע הילף וועט צוגעשטעלט ווערן פאר פאמיליעס וועלכע באקומען נישט געווענטליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP – א פעדעראל-פינאנצירטע פראגראם וואס ווערט אויסגעטיילט דורך די סטעיט'ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף. יענע הויזגעזינדער וועלכע באקומען שוין נאענט צו דער מאקסימום בענעפיט סומע וועלן באקומען א צוגעלייגטע באצאלונג פון וויניגסטנס 95 דאלער.

SNAP הויזגעזינדער אין אלע קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי דארפן צו זען די בענעפיטן אריינקומען אנגעהויבן ביים ענדע טאג היינט, דעצעמבער 21. די יעניגע SNAP הויזגעזינדער אין די פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן דארפן צו זעהן זייערע בענעפיטן אריינקומען צווישן היינט און דער ענדע פונ׳ם חודש.

אנגעשטרענגטע ניו יארקער פארלאזן זיך ווייטער גאר שטארק אויף SNAP אזוי ווי די קאוויד-19 פאנדעמיע טוט ווייטער ווירקן אויף דעם טאג-טעגליכע לעבן. ביז אקטאבער 2021 זענען געווען באלד 1.6 מיליאן הויזגעזינדער וועלכע האבן באקומען SNAP לענגאויס דעם סטעיט, אין סך הכל פון איבער 2.77 מיליאן ניו יארקער.

**OTDA עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער בארבארא גווין האט געזאגט,** ״ניו יארקער מוטשען זיך נאך אלץ מיט די עקאנאמישער נאכוויערנישן פון דעם אלוועלטליכן געזונטהייט קריזיס, ווי עס צייגן די באלד 1.6 מיליאן הויזגעזינדער וועלכע פארלאזן זיך אויף עסנווארג בענעפיטן אויף נאכצוקומען די באדערפענישן. די צוגעגעבענע בענעפיטן שפילן ווייטער אן אינטעגראלע ראלע אין העלפן רעדוצירן עסנווארג נויט לענגאויס דעם סטעיט, און אין דער זעלבער צייט גיבט א העכסט-נויטיגע אונטערהייב צו ניו יארק׳ס עקאנאמיע.״

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געווענטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

יעדע דאלאר וואס ווערט אינוועסטירט אין עסנווארג בענעפיטן קענען אויפטרייבן ביז 1.54 דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א פעדעראלע שטודיע וואס האט אויסגערעכנט די השפעה פון SNAP אויף דער עקאנאמיע פון די פאראייניגטע שטאטן. די שטודיע האט אויך געפונען אז נאך 1 ביליאן דאלער אינוועסטירט אין נייע SNAP בענעפיטן קענען אויסהאלטן בערך 13,560 דזשאבס איבערן לאנד.

איר קענט געפונען מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי צוגעגעבענע SNAP בענעפיטן, אריינגערעכנט ענטפערס אויף אפט געפרעגטע פראגעס, דא. ניו יארקער קענען נאכקוקן זייער בארעכטיגקייט פאר SNAP און זיך ווענדן אָנליין, דורך באזוכן mybenefits.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן